# וואס ניו יארקער דארפן וויסן וועגן
# טאבאקא, עלעקטראנישע ציגארעטלעך און קאנאביס געשעפטן אין NYC

די NYC העלט דעפארטמענט טיילט מיט די זארגן פון איינוואוינער איבער טאבאקא, עלעקטראנישע ציגארעטלעך ('וועיפ') און קאנאביס (מאריכואנא) געשעפטן אין NYC, אריינרעכענענדיג די צאל געשעפטן וועלכע האבן נישט קיין לייסענס אדער וועלכע פארקויפן פראדוקטן אומלעגאל, באזונדערס פאר יונגווארג. די דאקומענט באשרייבט עטליכע געזעצן וואס באציהען זיך צו טאבאקא, עלעקטראנישע ציגארעטלעך און קאנאביס פראדוקט פארקויפונגען און וואס צו טוהן אויב איר זעהט א פראבלעם.

### וואס זענען די NYC און ניו יארק סטעיט (New York State, NYS) געזעצן אין באציאונג צום פארקויפן טאבאקא און עלעקטראנישע ציגארעטלעך פראדוקטן?

- געשעפטן דארפן האבן א לייסענס צו קענען פארקויפן טאבאקא אדער עלעקטראנישע ציגארעטלעך פראדוקטן.
- צווישן אנדערע באגרעניצונגען, זענען געשעפטן **נישט** ערלויבט צו:
    - פארקויפן סיי וועלכע וועיפינג פראדוקטן מיט א פלעיווער **אדער** פארקויפן טאבאקא פראדוקטן אין פלעיווארס חוץ פון מינט אדער מענטאל.
    - פארקויפן לויזע ציגארעטלעך נישט אין די פעקל ("לוזיס" \ "loosies").
    - פארקויפן פאר מענטשן יונגער פון 21 יאר.
- טאבאקא און עלעקטראנישע ציגארעטלעך געשעפטן אינערהאלב 500 פיס (אומגעפער צוויי קורצע בלאקס) פון א סקול זענען נישט ערלויבט צו ארויסשטעלן טאבאקא אדער עלעקטראנישע ציגארעטלעך אדווערטייזמענטס, פראדוקטן אדער געצייג ביי זייער פענסטער אדער אויף זייערע טירן.
- פאר מער אינפארמאציע איבער טאבאקא און עלעקטראנישע ציגארעטלעך געזעצן, באזוכט nyc.gov/health און זוכט פאר "tobacco laws" (טאבאקא געזעצן).

### וואס זענען די NYS געזעצן איבערן פארקויפן קאנאביס?

- קאנאביס געשעפטן דארפן האבן אן NYS לייסענס צו קענען פארקויפן קאנאביס פראדוקטן. קאנאביס געשעפטן וואס האבן א לייסענס פארקויפן פראדוקטן וואס זענען געטעסט געווארן אין א לאבארעטאריע.




- לייסענסירטע קאנאביס געשעפטן דארפן האבן א ספעציעלע בלוי-גרינע שילד אויף זייער פענסטער אלס פעסטשטעלונג אז זיי זענען לעגאל, מיט א QR קאוד דערויף וואס פירט צו א ליסטע פון אלע לייסענסירטע קאנאביס געשעפטן, וואס קען אויך געפונען ווערן אויף cannabis.ny.gov/dispensary-location-verification.
- קאנאביס געשעפטן זענען נישט ערלויבט צו ארויסלייגן קאנאביס פראדוקטן אדער בילדער פון קאנאביס פראדוקטן ביי זייערע פענסטערס.
- קאנאביס איז נאר לעגאל פאר ערוואקסענע פון 21 און עלטער — צו האבן און צו נוצן.
- לייסענסירטע קאנאביס געשעפטן זענען נישט ערלויבט זיך צו געפונען אינערהאלב 500 פיס פון א סקול אדער 200 פיס פון א געבעטהויז.
- פאר מער אינפארמאציע איבער קאנאביס געזעצן, באזוכט cannabis.ny.gov.

### וואס קען איך טוהן איבער טאבאקא, עלעקטראנישע ציגארעטלעך אדער קאנאביס פארקויפונג פראבלעמען אין מיין געגנט?

- סיטי אגענטורן אינספעקטירן טויזנטע געשעפטן יעדעס יאר. קאמפלעינטס העלפן אגענטורן זיך אפרופן און פלאנירן אקטיוויטעטן וואס קענען אריינרעכענען אינפארסירונג, אויפקלערונג אדער פאליסי ענדערונגען.

- צו ארייגעבן א קאמפלעינט איבער טאבאקא אדער עלעקטראנישע ציגארעטלעך פארקויפונגען, רופט **311** אדער באזוכט nyc.gov/311 און זוכט פאר "tobacco sale complaint" (טאבאקא פארקויפונג קאמפלעינט) אדער "e-cigarette sale complaint" (עלעקטראנישע ציגארעטלעך פארקויפונג קאמפלעינט).
    - צולייגן בילדער צו אייער קאמפלעינט קען העלפן די אינספעקטארס טרעפן די געשעפט און די פראבלעמען.
    - אויב איר לייגט צו אייער קאנטאקט אינפארמאציע, וועט איר באקומען מעלדונגען איבער וואס טוט זיך מיט אייער קאמפלעינט.
    - איר קענט ארייגעבן א נייע קאמפלעינט יעדער חודש אויב די פראבלעם איז נישט געשליכטעט געווארן. מערקט אבער אן אז אויב א פארלעצונג ווארענונג ווערט געגעבן פאר א ריטעילער (געשעפט), קען דאס נעמען צייט ביז א הירינג קומט פאר און – אויב זיי ווערן געפונען שולדיג – ביז דער ריטעילער באקומט געלט קנסות אדער אנדערע שטראפן.
- צו ארייגעבן א קאמפלעינט איבער קאנאביס פארקויפונגען, שיקט אן אימעיל צו smokeshopcomplaints@sheriff.nyc.gov אדער רופט **311**.

**וואו קען איך טרעפן מער אינפארמאציע איבער טאבאקא, עלעקטראנישע ציגארעטלעך און קאנאביס סכנות?**

- עלעקטראנישע ציגארעטלעך קענען אויסשטעלן ניו יארקער צו הויכע שטאפלען פון אדיקטיווע ניקאטין און אזוי אויך קענסער-פאראורזאכנדע און שעדליכע כעמיקאלן. סיי ניקאטין און סיי קאנאביס קענען אויך ווירקן אויף די מוח פון א יונגער מענטש וואס אנטוויקלט זיך נאך, ארייגערעכנדיג זייער זיכרון, קאנצענטראציע, לערנען מעגליכקייטן און גייסטישע געזונטהייט.
- פאר מער אינפארמאציע, ארייגערעכנדיג מאטעריאלן איבער וויאזוי צו רעדן מיט יונגע מענטשן איבער די פראדוקטן, באזוכט:
    - nyc.gov/health און זוכט פאר "e-cigarettes" (עלעקטראנישע ציגארעטלעך)
    - nyc.gov/health/cannabis
- אויב איר דארפט הילף מיט קאנאביס אדער אנדערע דראג באנוץ, רופט אדער טעקסט 988 אדער שיקט א מעסעדזש אויף nyc.gov/988. טעקסט און די אנליין מעסעדזש סערוויסעס זענען דא צו באקומען אין ענגליש און ספאניש, און קאונסעלארס זענען אוועילעבל אויפן טעלעפאן 24/7 אין מער פון 200 שפראכן.
- פאר הילף מיט רויכערן אדער וועיפן, באזוכט nyc.gov/nycquits.